**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/4/2024

**גאווערנער האקול אנאנסירט סאמע גרעסטע מאדערניזירונג צו סיטי אָוו ראָום'ס פובליק טראנספארטאציע סיסטעם אין צוואנציג יאר**

***פארבעסערונגען געשטיצט דורך 1 מיליאן דאלאר פון גאווערנער האקול'ס ערפינדערישע באוועגונג איניציאטיוו, אנאנסירט אין 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע***

***איניציאטיוו ברענגט באקוועמערע Centro באס רוטס און נייע טראנספארטאציע סערוויסעס וואס קענען באשטעלט ווערן אויפן פלאץ צו גיבן נאך אפציעס פאר פאסאנזשירן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט נייע און פארבעסערטע פובליק טראנספארטאציע סערוויסעס אין די סיטי אָוו ראָום, זייענדיג די גרעסטע מאדערניזירונג צו די שטאט'ס פובליק טראנספארטאציע סיסטעם אין צוואנציג יאר, און פירנדיג צו מער קארן/באסעס און דרייווערס באדינענסיג די בירגער פון ראָום ווי סיי ווען בעפאר. געשטיצט דורך 1 מיליאן דאלאר פון גאווערנער האקול'ס טראנספארמאטיווע 'ערפינדערישע באוועגונג איניציאטיוו' (Innovative Mobility Initiative) וואס איז צום ערשט אנאנסירט געווארן אין איר 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע — האט די צענטראל ניו יארקע ראאינישע טראנספארטאציע אויטאריטעט ( Central New York Regional Transportation Authority, "Centro") איינגעפירט פונדאסנײי אויסגעשטעלטע באס רוטס מיט אפטערע באסעס און באקוועמליכקייט פאר פאסאנזשירן. Centro האט אויך אנגעהויבן טראנספארטאציע סערוויסעס וואס קענען באשטעלט ווערן ווען עס פעהלט אויס און קלענערע קארן/באסעס צו גיבן פאר איינוואוינער נאך טראנספארטאציע אפציעס און מער בויגזאמע סערוויס.

"פובליק טראנספארטאציע וואס איז זיכער, צוגענגליך און אפאָרדעבעל וועט העלפן מאכן אונזער עקאנאמיע וואקסן, באשיצן אונזער סביבה און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פארבעסערונגען אין ראָום זענען טייל פון אונזער פארפליכטונג צו מאדערניזירן אונזערע טראנספארטאציע סיסטעמען אריבער ניו יארק צו גיבן פאר פאסאנזשירן מער אפציעס און בעסערע סערוויסעס, וואס העלפן אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס בליהען."

די ערפינדערישע באוועגונג איניציאטיוו שטעלט צו 10 מיליאן דאלאר אין געלטער פאר טראנספארטאציע אויטאריטעטן אינדרויסן פון די MTA צו אויסברייטערן די סערוויסעס וואס זיי אפפערן און צו קענען אקאמאדירן פאסאנזשירן וואס האבן שוועריגקייטן צו צוקומען צו געווענטליכע טראנספארטאציע מיטלען דורכן פינאנצירן דאס אוועקשטעלן נייע אלטערנאטיווע טראנספארטאציע מיטלען אדער טעכנאלאגישע פראדוקטן. Centro'ס איבערגעארבעטע סערוויסעס פאר ראָום איז געקומען נאך ברייטע שטודיעס פון די עקזיסטירנדע סערוויס סטרוקטור און אויסהערן פון פאסאנזשירן, פארמישטע קערפערשאפטן און דרייווערס וואס זיי האבן צו זאגן איבער וויאזוי צו אמבעסטן באדינען די געגנט. די סערוויס פארבעסערונגען וואס קומען ארויס פון דעם היטן אויף דריי קביעות'דיגע רוטס וואס וועלן האבן אפטערע באסעס, פון יעדע 45 מינוט אראפ צו יעדע 30 מינוט, און זיי וועלן פארזעצן צו באדינען די מערסטע

פאפולערע לאקאציעס, אריינרעכענענדיג Griffiss Airpark, Rome Health Hospital און די Erie Boulevard געגנט וואס האט ריטעיל געשעפט לאקאציעס און א Walmart געשעפט.

אין צוגאב איז א "MOVE" זאנע אוועקגעשטעלט געווארן מיט קלענערע באסעס/שאטלס, שאפנדיג א גרעסערע געגנט וואס האט יעצט צוטריט צו פובליק טראנספארטאציע. מענטשן קענען באשטעלן א רייזע דורך "MOVE" דורכן רופן 315-356-MOVE אדער דורכן דאַונלאָודען Centro's "MOVE" עפּ פון iOS אדער ANDROID, עפענען אן אקאונט און באשטעלן א רייזע. די עפּ ארבעט פונקט ווי אנדערע קאר סערוויסעס עפּס. פאסאנזשירן קענען באצאלן פון פאראויס אויף די עפּ און זעהן די לעבעדיגע לאקאציע פון די קאר/באס אזוי ווי עס דערנענטערט זיך צו די פלאץ וואו זיי ווערן אפגענומען.

**סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "מיט די אינוועסטירונגען וואס גאווערנער האקול מאכט אין פובליק טראנספארטאציע, טוט ניו יארק סטעיט העלפן מאכן גרינגער און גלאטער פאר פאסאנזשירן צו אנקומען צו די ארבעט, אהיים אדער די געשעפט אן דארפן נוצן א קאר, וואס שטופט אויף פאראויס אונזער לאנד'ס-פירנדע אגענדע צו באקעמפן קלימאט טויש. די פארבעסערונגען וואס ווערן געמאכט צו Centro's באס סערוויס זענען א געווינס פאר אלע צדדים, העלפנדי די גרויסע אפּסטעיט טראנספארטאציע אגענטור בעסער באדינען אירע קליענטן בשעת'ן ארויפשטעלן די סיטי אָוו ראָום אויף א וועג צו א ריינערע און מער ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט."

**Centro דעפיוטי CEO, קריסטאפער טאָף, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו אנהויבן די סערוויס אין ראָום. MOVE וועט צושטעלן א באקוועמע טראנספארטאציע אפציע פאר מער איינוואוינער פון די 'שטאט פון קופער'. מיר ווילן צושטעלן א גרויסע געגנט וואס וועט זיין געדעקט מיט מער באסעס און מער באס דרייווערס צו פירן אונזערע איינוואוינער וואו זיי דארפן גיין."

**סטעיט סענאטאר דזשאָוסעף גריפאָו האט געזאגט,** "מיר מוזן פארזעצן צו אויסזוכן וועגן צו פארבעסערן פובליק טראנספארטאציע אין ניו יארק. די מאדערניזירונגען ווילן פארבעסערן פובליק טראנספארטאציע, אנהאלטן סערוויס און צושטעלן באקוועמערע און אפטערע אפציעס פאר באניצער אין ראָום."

**אסעמבלי מיטגליד מעריען באָטענשאָן האט געזאגט,** "אזוי פיל מענטשן זענען אנגעוויזן אויף פובליק טראנספארטאציע צו אנקומען צו די ארבעט, מעדיצינישע אפוינטמענטס און צו סקול. איך בין דאנקבאר פאר די אינוועסטירונג אין די סיטי אָוו ראָום דורך די גאווערנער און קאמישאנער דאמינגעז, און איך קוק ארויס צו זעהן די פארבעסערונגען וואס ווילן געמאכט ווערן צו די פובליק טראנספארטאציע סיסטעם."

**אניידע קאונטי עקזעקיוטיוו ענטאני דזש. פיסענטע דזשוּניאר האט געזאגט,** "די פארבעסערונגען צו ראָום'ס פובליק טראנספארטאציע ווילן פארמערן די אפטקייט און באקוועמליכקייט פון באס רוּטס צו טייל פון די שטאט'ס מערסט קריטישע לאקאציעס. די צוגאב פון Centro's רייזע באשטעלונג סערוויסעס וועט אויך גיבן פאר איינוואוינער מער טראנספארטאציע אפציעס און מער בויגזאמע סערוויס. די פארבעסערונג צו איר פובליק טראנספארטאציע סיסטעם וועט העלפן שטיצן די סיטי אָוו ראָום'ס אנגייענדע וואוקס, און איך באדאנק די ניו יארק סטעיט רעגירונג פאר איר שטיצע."

**מעיאר דזשעפרי מ. לעניגען האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין פובליק טראנספארטאציע איז קריטיש פאר די וואוילזיין און פארבינדונג פון אונזערע קאמיוניטיס. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר צוזאג פון 1 מיליאן דאלאר צו פארבעסערן ראָום'ס פובליק טראנספארטאציע סיסטעם. די גרענט וועט ערמעגליכן CENTRO צו אויסברייטערן אירע געאפפערטע סערוויס און זיכער מאכן אז אלע פאסאנזשירן, אריינרעכענענדיג די וואס האבן שוועריגקייטן, האבן גלייכע צוטריט צו פארלעסליכע טראנספארטאציע."

פאר מער אינפארמאציע איבער Centro און אירע סערוויסעס, באזוכט ביטע http://www.centro.org.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן